# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**חג הפסח, ט"ו ניסן תש"פ לפ"ק**
**שנה א' גליון כ"ז**


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות ערב פסח ............7:14
מוצאי שבת חול המועד.................8:48

# א מעשה פון תפלה

## יעקב יאקאבאוויטש

איך האב געהאט א שאלה צו פרעגן פון דעם ראש ישיבה אבער נישט אייביג קען מען גרינג צוקומען פרעגן און אויב מען קען יא צוקומען פרעגן קען אבער געשעהן אז מען זאל נישט האבן די געלעגענהייט עס קלאר אויסצושמיסן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען פרעגן און באקומען א קלארע תשובה, און שכח אייבערשטער אז איך האב עס געקענט קלארערהייט אויסשמיסן און באקומען א קלארע תשובה.

## די גאנצע שטעטל

אונז האבן אלע געבעטן דעם אייבערשטן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ארויס קומען צו אונז אויף יום טוב פסח, אויך די קינדער האבן געבעטן דעם אייבערשטן, און שכח אייבערשטער אז דער ראש ישיבה איז טאקע ארויסגעקומען דא אין שטעטל פאר יום טוב.

# נייעס אין שטעטל

## ערב יום טוב פסח אין שטעטל

די גרויסע הכנות צום גרויס'ן יום טוב פסח היי יאר איז פארגעקומען אין שטעטל אויף א גרויס'ן פארנעם, עס איז די ערשטע מאל וואס די משפחות פראווענען דעם יום טוב פסח אין זייערע היימען דא אין ברסלב'ע שטעטל – וואס דאס ברענגט מיט אסאך ערשט מאליגע ארבעט אין יעדן שטוב, ובפרט ביי די יעצטיגע מצב פון די "קאראנא ווירוס" איז עס געווען אביסל מער ארבעט, ווייל נישט אלע גראסעריס האבן געקענט אזוי שטארק זיך צושטעלן, נאר יעדע זאך האט גענומען אסאך לענגער, אבער שכח אייבערשטער אז מען האלט שוין דא.

פון א אנדער'ן קוק ווינקל הערשט אין שטעטל א גרויס שמחה ווען מען האט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אהערגעצויגן פאר דעם יום טוב פסח, זונטאג פאר יום טוב איז שוין דער ראש ישיבה ארויסגעקומען – כדי צו קענען אנגרייטן אלעס פאר יום טוב, און אז דער ראש ישיבה געפינט זיך דא האט שוין די גאנצע שטעטל אויטאמאטיש א אנדער'ן באדייט, ובפרט מיט דעם וואס מען האט די זכיה צו הערן יעדן טאג פארגעלערנט דעם דף גמרא בטוב טעם ודעת, און ווי עס ווערט אריינגעפלאכטן מיט התחזקות אויף לעובדא ולמעשה, דאס אליין איז שוין גענוג פאר זיך.

יעדן טאג זאגט אונז דער ראש ישיבה נאכאמאל ווי געשמאק עס איז צו זיין דא צווישן די ביימער און שפאצירן און רעדן מיט'ן אייבערשטן, און דאס אליין ווען מען זעהט דעם ראש ישיבה שליט"א ארום שפאצירן דא אין שטעטל און רעדן צום אייבערשטן, דאס מאכט אז אונז זאלן עס אויך נאכטוהן און אנהייבן רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג אביסעלע.

**קרב יום אשר הוא לא יום ולא לילה.**

**מנחה אלע דריי טעג . . . 7:30**
**שחרית צוויי טעג יו"ט . 11:00**
**שחרית שבת קודש . . . 10:30**
**דרשה מיטל נאכט . . . . 7:45**
**זמירות של"ס . . . . . . . . .7:45**
**מעריב מיטל נאכט. . . . 8:30**

**מודעה**

# סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוהן מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**ר' מנחם שטיינבערג נ"י וזוגתו תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

# ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוהן מיר אויפנעמן א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן ביי אונז אין שטעטל

**ר' נחמן ישראל יאקאבאוויטש נ"י וזוגתו תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין דעם הייליג'ן שטעטל, און זיי זאלן קענען דא אויפציען די קינדער אויף דעם רבינ'ס וועג און זעהן פון זיי אסאך אידיש נחת.

# שיעור פרשת צו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

**פארגאנגענעם מיטוואך נאכט פרשת צו האט מען געהאט די זכיה צו הערן א שיעור פון דעם ראש ישיבה שליט"א ספעציעל פאר דעם שטעטל, מיר וועלן פרובירן צו אראפברענגן געוויסע נקודות פון דעם הערליכן און וויכטיגן שיעור:**

געלויבט דעם אייבערשטן אז אונז האבן א באשעפער אויף וועם ארויסצוקיקן יעצט ווען עס איז א שווערע צייט, און דער אייבערשטער זאל העלפן יעדער זאל ארויסגיין פון זיין פרטיות'דיגע מצרים, אלע צרות ווערט אנגערופן מיט די נאמען "מצרים" דאס הייסט ער איז נישט קיין פרייע מענטש, ער האט א צרה במילא קען ער נישט אנגיין, עס איז אים חושך, אבער אז א מענטש הייבט אן רעדן צום אייבערשטן גייט ער ארויס פון מצרים.

ר' שלום מרדכי רובאשקין נ"י ווען ער פלעגט שרייבן בריוון אין תפיסה, פלעגט ער שרייבן דארט **"איך זיץ אין א פלאץ וואס הייסט תפיסה"** אין חב"ד פלעגט מען חזר'ן שטענדיג "נאר די גוף איז פארטריבן געווארן אין גלות אבער נישט די נשמה" די נשמה - די מח איז שטענדיג ביים אייבערשטן במילא בין איך בכלל נישט איינגעשפארט ווייל וואס איך דארף האב איך דא דעם אייבערשטן און איך בעט עס נאר פון אים.

אויב גייט איבער אויף מיר שוועריקייטן גלייב איך אז דאס איז גוט פאר מיר און איך נעם עס אן באהבה, אבער פון די אנדערע זייט דארף מען אויך וויסן אז דער אייבערשטער האט אונז געהייסן בעטן פון אים וואס מען דארף, מען דארף אסאך חזר'ן די אמונה יעדן טאג, דער הייליגער צאנזער רב זי"ע פלעגט חזר'ן אפאר מאל א טאג די דרייצן אני מאמין, אז מען לעבט מיט אמונה איז מען א אויסגעלייזטע מענטש.

ווען א טאטע וויל אז זיין קליין קינד זאל קומען צו אים ווייזט ער אים אז ער האט א לאלי אים צו געבן, ווען ער שטייט שוין נאנט געבט ער עס א שלעפ אוועק אביסעל ווייטער כדי ער זאל נאכאמאל פרובירן קומען צו אים, דאס איז אויך אזוי ביים אייבערשטן, **די גאנצע קאראנע ווירוס איז פשוט צו אויפוועקן דעם מענטש** ער זאל זיך אנלאנען נאר אויפן אייבערשטן, יעדער איינער פרעגט "ווען גייט זיך עס שוין ענדיגן" עס גייט זיך נישט ענדיגן - מען גייט אזוי בלייבן, מען גייט לעבן מיטן אייבערשטן, [אין איטאליע האבן זיי ארויסגעווארפן די געלטער אין די גאסן, ממש אזוי ווי די נביא זאגט אז פאר משיח וועט קומען וועלן אלע אוועקווארפן די געלט, און מען וועט נאר זיך פארלאזן אויפן אייבערשטן] מען שטייט אויף אינדערפרי ווי גייט מען היינט? עס איז נישט דא ווי צו גיין, עס איז נישט דא וואס צו טוהן, בלייבט נאר איבער צו נעמן א חומש אינדערהיים און אנהייבן צו מעביר סדרה זיין, נעם א משניות און זאג פרקים משניות.

**זוכסט א עצה פאר קאראנע?** אין שולחן ערוך אורח חיים סימן רפ"ה איז דא א עצה פאר קאראנע, מעביר סדרה זיין שנים מקרא ואחד תרגום איז א סגולה פאר אריכות ימים - צו לעבן לאנג, [די ערשטע וואך פון פסח קען מען שוין מעביר סדרה זיין פרשת שמיני].

יעצט ווען עס איז דא אסאך צייט נעם א משניות און זאג א פרק און נאך א פרק, נעם גמרא און זאג בלעטער גמרא, **"גמרא באטרעפט קאראנע"**... איי עס שטימט נישט? נו זאגט מען ביי חסידים אז קוגל באטרעפט שבת, איי עס שטימט נישט? זאגט מען ביי חסידים אז מען עסט אזוי סאך קוגל ביז עס באטרעפט שוין שבת, די זעלבע איז מיט לערנען גמרא - זאג אזוי סאך בלעטער גמרא ביז די קאראנע וועט אוועק גיין פון דיר.

פון הערן א גאנצן טאג די קאראנע נייעס און רעדן א גאנצן טאג פון די קאראנע וועסטו גארנישט האבן פון דעם, אונז זענען אידן און אונז פארלאזן זיך אין אלע שווערע מצבים אויפן אייבערשטן, במילא טאר מען זיך יעצט אין די מצב אויך נישט פארלירן.

עס שטייט אין מסכת אבות פרק ו' גדולה תורה שהוא נותנת חיים בעולם הזה ובעולם הבא שנאמר כי חיים הם למוצאיהם ולכל בשרו מרפא וכו' - די תורה געט לעבן און עס היילט אויס פון אלע קרענק, דאס זאלסטו טוהן יעדן טאג אנשטאט הערן נייעס.

זיך איינצושרייבן אין די פלעי' גרופ
פון שטעטל
רופט אונז אן אויף
347-641-3618

פאר אלע אייערע קאמפיוטער געברויכן
אויף א כשר'ע אופן דא אין שטעטל
רופט אונז אן אויף
347-738-1041